# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

## Far folḳ un heymland

**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**

**Mosḳṿe, 1943**

מיא עגראהרעד!

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**

Visual Library

— נעקאָמע פאר די טעכטער די פארפּײַניקטע אין שאנד!
— נעקאָמע פאר די היימלאָזן-וואָגלענדע יעסוימים!
עס לייגט ניט אײַן זיך בא דעם סאָטן אין פארשטאנד, —
פון וועלכע שטײַגן אויסגעריסן האָסטו זיך, פון וועלכע צוימענ!

פארבראָכן טליִען קוימענעס ווי א דערשטיקט געשריי,
און טײַכן איבער ברענגן רײַסן זיך פון צאָרן:
— נעקאָמע פאר באגראָבענע, צעבראָקטע לעבעדיקערהייט!
— נעקאָמע פאר דער ערד, פארוואנדלטער אין קוואָרים!

א כעזשבן ווערט געמוי מיט וויי געפירט.
אים פאָרזעצן קיין קויעך און געדולד איז שוין ניטאָ מער!
עס מאָנט דאָס בלוט ס׳פארגאָסענע: — פארניכטן!
עס שרײַען ביינער פון פארפּײַניקטע: — נעקאָמע!

——— ★✦★ ———

## דערהארגע אים!

דערהארגע אים, דעם פײַנט, ווו נאָר דו אים דערזעסט!
דערמאָרדע אים, ווו נאָר פון ערגעץ ער באווײַזט זיך!
צעטראָטן האָט ער העפקער דײַן פארהאָרעוועטע נעסט,
מיט שאנד באדעקט דײַן ליבסטע און געטרײַסטע...

האק אָפּ זײַן האנט, ווו נאָר ער שטרעקט זי אויס,
דעם טויט דורך פײַער אָטעם אומעטום ארײַן אים!
ער האָט דײַן קינד דעם קאָפּ צעפּלעט בא דיר אין הויז
און אַפּ די אויגן פון דער מוטער עס פארפּײַניקט.

פארלענד אים אפן וועג, ווו נאָר זיך ער פארטרויט,
אפּ יעדן טראָט גלײַך ווי א שאָטן נאָך אים לויער;
ער האָט דײַן פעלד פארוויסט, בארויבט דײַן ברויט
און אָנגעזויגט א יעדער גראָז מיט פּײַן און טרויער.

פארטיליק אים באטאָג, פארטיליק אים באנאכט,
אפּ מילשטיינער פון ברענענדיקן צאָרן איבערמאָל אים;
ער האָט דעם אומגליק אין דײַן פרידלעך לאנד געבראכט
און רײַסט מיט ווּט צום הארץ זיך ווי א קלאָלע.

זאָל אין דער שלאכט קיין מאָס ניט ויסן דײַן געוואג,
ווען קעגן פײַנט צעגלאנצט דײַן שווערד זיך די געטרײַע;

דעם בוים, וואָס האָסט געפּלאַנצט, האָט ער אַ שיקערער צעהאַקט,
די שטוב, וואָס האָסט געבויט, האָט ער געלאָזט מיט פײַער.

דערוואַרג אים! און דעם גיפט זײַנעם מיט אים צעשייד!
אין אַלע זײַטן פיר אַפּ אַש און שטויב צעווײ אים!
באַגראָבן האָט ער דאָ דײַן מאַמען לעבעדיקערהייט
און האָט איר קײוער אויך נעלעסטערט, רויטאַרמייער.

גלי אויס אים אין דער לופט און אַפּן יאַם און אַפּ דער ערד!
דײַנע צעבליטע בייטן לאָז אים ניט פאַרדאַרבן.
די קנעכטשאַפט טראָגט ער אַפּ זײַן אָפּגערויבטער שווערד,
דעם טויט, ווי פון אַ קויש, ער זייעט פון אַ שאַרבן.

פאַרניכט און אונטערברעך אים זײַנע טריט,
און פײַער-בערג פאַרלייג אים אַפּ די וועגן;
דער דניעפּער קרעכצט מיט קייטן-וואָי געשמידט,
דער שטילער דאָן הייבט אוף זיך איבער ברעגן

און פאָכעט אוף איבער דעם גינגאָלדענעם סטעפּ
ווי אַ קאַזאַצקע אויסגעשלײַפטע סאַבליע.
— זאָל גיין דער שניט אַפּ סוינעס אומווירדיקע קעפּ!
עס שלאָגן פונקען אויס די פערד, זיי רײַסן זיך און צאַפּלען.

דאָס האַרץ פאַר שטורעם גיט זיך אַ צעכראַסט,
אַפּ פאָנען לאָזן זיך אַראָפּ אַליין די שטערן.
— זאָל ניט דער טרויער אָפּ-עמען דײַן רו, נאָר האַס!
און זאָל דײַן שלאָפלאָזיקייט זײַן — נעקאָמע, ניט קיין טרערן!

פאַריאָסעמט קוקט דער וואַלד, ווי ס'טרײַבט דער פײַנט דײַן טאַטן אין
דער פרעמד
אַפּ קנעכטשאַפט, אונטער שווערד באַוואַכט דאָרט;
— אין רייפן פלאַמיקע פאַרצי אים און פאַרקלעם,
דערשלאָג אים, רויטאַרמייער! אָן ראַכמאָנעס אים דערהאַרגע!

דײַן שוועסטער ט'ער געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט,
דײַן קינד געקעפּט און עס פאַרברענט דערנאָכדעם;
ניטאָ קיין לעבן אונטער סוינעס טראָט!
— דערהאַרגע, וווּ דו טרעפסט אים, און דערמאָרדע!